בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת כי תבא
פרקי אבות - פרק שלישי
שנה ג' - גליון קכ"ו
י"ז אלול שנת תשע"א לפ"ק

הדלקת הנרות
6:49
זמן מוצאי שבת
8:14
סוף זמן קריאת שמע 9:07

## די ביכורים ביי אונז אין חדר!!

ווען מיר האבן געלערנט די וואך די מצוה פון ביכורים האבן מיר דאס זייער גוט פארשטאנען ווייל מיר האבן דאס לעבעדיג מיטגעהאלטן ממש עכט ביי אונז אין חדר.

**מיטוואך** תיכף נאך לאנטש האבן זיך אלע קינדער פון קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן צוזאמען מיט די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים זיך צוזאם געקומען אין די גרויסע האלל מיט א שטארקע אחדות, ווי עס איז געווען צוגעגרייט אינדערמיט א ספעציעלע פלאץ. מען האט אוועקגעשטעלט עטליכע קינדער מיט פייפער'ס, פידלעך. אויך זענען געווען עטליכע מלמדים מיט טרומפייטערס און א פידל, אזוי ווי די אלע מזמרים מיט די כלי זמר האבן אנגעהויבן צו זינגען זייער שיין איז דער מנהל אריין געקומען מיט א שיינעם באצירטן גרויסן קארב, מיט שיינע פרוכט פון אלע מינים דערין אויך א גרויסע פייגל פון אויבן. מען האט אנגעהויבן צו טאנצן און די שמחה איז געווארן גאר גרויס, זייער דערהויבן האט מען געזינגען און געקלאטשט. די רבי'ס טאנצן און די קינדער שפרינגען און זינגען מיט, **"שמחתי באומרים לי בית ד' נלך"** ממש אזוינס איז נאכגעשט געווען. די שמחה איז נאכגעשט פארטיג! דער מנהל רופט אויס יעצט וועט מען ארום גיין דעם גאנצן האלל פון אלע זייטן. אלע קינדער שטעלן זיך אויף און מען הייבט אן דעם שפאציר דער קארב פון פאראויס און דערנאך באגלייטן די אלע מזמרים מיט די כלי זמר. די מלמדים מיט די קינדער מיט שמחה און פרייד מען טאנצט גאר דערהויבן. אזוי ביז מען איז אנגעקומען צו די זייט פון די נורסערי קינדער. ווי אלע נורסערי קינדער זענען געווען אויסגע'שורה'ט ביים וואנט און האבן זיך צוגעקוקט און מיטגעהאלטן די געוואלדיגע שמחה. אויך איז מען אינאיינעם אראפ צו די נייע קינדערגארטן אפטיילונג אויפן ערשטן שטאק און אזוי דערנאך ארויף געקומען צום הויפט אריינגאנג ווי עס איז דא אויפן וואנט א גרויסע בית המקדש בילד. דארט האט מען הויך אויפגעהויבן דעם קארב מיט די ביכורים פרוכט און אלע קינדער האבן הויך געשריגן **"ביכורים"**. דערנאך איז מען צוריק אריין אין די כיתות ווייטער צו מאכן די שיינע קערבלעך מיט די ביכורים פרוכט פאר אלע קינדער ווי מען גייט אריין לייגן דערין פאר א יעדן עכטע פרוכט פאר ביכורים.

## א בוים וואקסט ארויס אין חדר!

**די וואך** ווען מיר לערנען די מצוה פון ביכורים האבן מיר פלוצלונג באמערקט דאנערשטאג ווי אין די גרויסע האלל איז ארויס געוואקסן א שיינע בוים. ווען מיר זענען געגאנגען נאנט



דערצו האבן מיר גאר באמערקט אז עס וואקס דערויף שיינע רויטע **עפל**, מיט **בארן**, מיין רבי האט גענומען דעם שיינעדיגן



בענדעלע און ארויף געלייגט אויפן עפל און געזאגט **"דאס איז ביכורים"** כדי צו וויסן וועלכע עס איז די ערשטע געוואקסן און געווארן...

איך האב געמאכט מיט קליק'ס
א ביכורים בעסקעט מיט א פייפער



מיר האבן צוזאם געשטעלט א שיינע קארב מיט גאר געשמאקע פרוכט און ארום געקלעיבט די פייגעלעך מיר זענען געגאנגען טראגן די "ביכורים" צו די כהן מען האט דאס באגלייט מיט א שמחה ווי מען האט געזונגען און געטאנצן אלע אינאיינעם און זיך שטארק געפריידט.

מיר ווילן זיך שטארק באדאנקען פאר די פאלגענדע געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים וואס האבן אנגעפירט מיט די כלי זמר  ביי די ביכורים טענץ, ווי די קינדער האבן גאר שטארק הנאה געהאט דערפון. וואס זיי שטייען כסדר גרייט פאר די קינדער נישט נאר די וואך נאר כסדר ביי יעדע געלעגענהייט זענען זיי גרייט מהנה צו זיין די טייערע צאן קדשים ה"ה המלמדים החשובים כל אחד בשמו יבורך **רבי יואל געלבמאן שליט"א רבי חיים בערנאטה שליט"א רבי יואל שמעא שליט"א** השי"ת זאל ענק בענטשן און באגליקן מיט אלעם גוטס מיט אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא בתלמידים מיט רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח אמן.

## <u>חכמה'לע'ך</u>

ווען **יחזקאל שרגא** האט אהיים געברענגט די טשארט מיט די פוינט'ס האט ער זיך זייער גוט אויפגעפירט און אלעס צוזאם געפאקט, ער זאגט אז ער האט פסח'דיג געמאכט די גאנצע הויז צו באקומען אסאך פוינט'ס.

**ישראלי** פרעגט זיין מאמע אויב ער וועט אויפעסן 2 סאפער'ס וועט ער באקומען מער פוינט'ס?

**יואל יושע'לע** רופט זיך אן שבת ביים עסן די אייער עס איז א גרויסע מצוה צו עסן די אייער פון שילוח הקן...

ווען די קינדער האבן גערעדט אז מען דארף מאכן א געיט אויפן דאך פון די נייע הויז האט **חיים שלמה'לע** געזאגט אז אויף ענגליש הייסט **דאס א צוים...**

**יחזקאל** זאגט פאר זיין מאמע זאל אים הייסן טון אסאך מער זאכן און ווען ער וועט פאלגן וועט ער האבן פיל פוינטס אויפן צעטל

## נחת - שנה טובה קארטלעך!

מען האט אהיים געשיקט מיט די קינדער פון קינדערגארטן און די פרי ק"ג ענוועלאפ'ס אז די עלטערן זאלן דערויף אדרעסירן די אדרעסן פון די זיידע'ס און באבע'ס <u>און ארויף לייגן א סטעמפ דערויף</u>. לויט ווי איר שרייבט אויפן ענוועלאפ אזוי וועט שטיין אויף די שנה טובה קארטל וואס מען וועט אריין לייגן דערין, למשל פאר די זיידע און באבע אדער זיידע אליין אדער באבע אליין . מען קען צו בעטן נאך אדער שיקן מיט די קינדער נאך ענוועלאפ'ס און מיר וועלן שיקן די שנה טובה קארטלעך פאר נאך זיידעס און באבע'ס.
די קינדער וועלן דאס אליין אריינווארפן אינעם פאסט קעסטל כדי זיי אויס צו לערנען צו וואונטשן און געבן כבוד פאר די זיידע'ס און באבע'ס. השי"ת זאל פאר אונז אלע פארשרייבן א שנה טובה ומתוקה מיט פיל נחת פון אלע קינדער.

## מזל טוב ווינטשעך

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אשר אנשיל ב"ר יואל שטערן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' פאגעל און ר' שמואל ברוך קאהן

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מנחם מענדל בן הר"ר יעקב ישראל כהנא ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' פאגעל און ר' שמואל ברוך קאהן

ברכת מזל טוב פאר הילד
**דוד ב"ר חיים מרדכי מיטטעלמאן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמעון ב"ר יואל בראווער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן אין קאנטרי
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**חיים ב"ר יקותיאל דרעזדנער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שאול יחזקאל ב"ר נפתלי כ"ץ ני"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יוסף ב"ר משה אליעזר ראזענפעלד ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה  ב"ר יואל קאהן ני"ו**
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יושע מאיר ווייזער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**הערש לייב ב"ר יואל ראזענבערג ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' דוד ווערטהיימער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שלו' יוסף ב"ר הערשל ווערטהיימער ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל שמאיע און ר' חיים בערנאטה

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יעקב ב"ר אברהם יצחק מאשקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יוסף יודא ב"ר יצחק יואל גאלדבערגער ני"ו**
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**וואלף ב"ר ישראל שופף ני"ו**
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מרדכי ב"ר יעקב יודא מיטעלמאן ני"ו**
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**בערל ב"ר יואל דוממער ני"ו**
לכבוד זיין מופן אין די נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מאיר יעקב ב"ר שמעון ישראל שטינמעץ ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' פאגעל און ר' שמואל ברוך קאהן

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שאול ב"ר אלימלך בראך ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל יצחק ראטה

ברכת מזל טוב פאר הילד
**וואלווי ב"ר יואל געלבשטיין ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יוסףהערשקאוויטש און ר' חיים בערנאטה

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אליעזר דוד ב"ר בכור משה סרוגא ני"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יואל ב"ר נפתלי כ"ץ ני"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ברוך יוסף ב"ר גדלי' אפפעל ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל וואלף שווארטץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יצחק מאיר ב"ר מאניש יחזקאל שפילמאן ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' מנחם מענדל פארקאש

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמעון ב"ר יואל ראזענבערג ני"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יואל מיכל ב"ר משה לוי לאנדא ני"ו**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יעקבמאיר סרוגא און ר' סנדר מיללער

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**

**א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער אלעמען באליבטן איבערגעגעבנער טעראפיסט רבי אהרן אקסלרוד הי"ו צו די געבורט פון זיין "איר איינקל" אסאך נחת**